DI DRAY MENTSHELAKH IN

Jacob Ludwig Karl Grimm



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

פערלאג: „די נייע יודישע פאלקסשול"
סעריע „קינדער־ליטעראטור" № 13.

די דריי מענטשעלאך אין וואלד.

— א מעשהלע —

באארבעט לויט בר. גרים

פון ש. באסטאמסקי.

PRINTED in POLAND

ווילנע
דרוקעריי ברידער ראזענטאל, רודניצקער 7.
1921

פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול"
סעריע „קינדער-ליטעראטור" № 16.

די דריי מענטשעלאך אין וואלד.

א מעשהלע

באארבעט לויט בר. גרים.

פון ש. באסטאמסקי.



ווילנע — 1921.

דרוקעריי בר. ראזענטאל, רודניצקער 7.

די דריי מענטשעלאַך אין וואַלד.

אַמאָל איז בײַ איינעם אַ מאַן געשטאָרבן זײַן פֿרוי, און בײַ איינער אַ פֿרוי — איר מאַן.

דער אַלמן האָט געהאַט אַ טאָכטער און די אַלמנה האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער.

די ביידע מיידלאַך זײַנען געווען חבֿרטעס און פֿלעגן צוזאַמען שפּאַצירן און פֿאַרברענגען.

איינמאָל זײַנען זיי נאָכן שפּאַצירן אַרײַן צו דער אַלמנה אין שטוב.

— הער, מײַן קינד! — האָט זיך די אַלמנה אָפּגערופֿן צום אַלמנס טאָכטער — זאָג דעם טאַטן דײַנעם, אַז איך וויל מיט אים חתונה האָבן. דיר, מײַן טײַערע, וועט דאָ קיין זאַך ניט פֿעלן, דו וועסט זיך בײַ מיר באָדן אין מילך און טרינקען ווײַן, מײַן אייגענע טאָכטער וועט זיך באָדן אין וואַסער און טרינקען נאָר וואַסער.

דאָס מיידל איז אַוועק אַהיים און האָט דערציילט דעם טאַטן אַלץ, וואָס די אַלמנה האָט איר געזאָגט.

— וואס זאל איך טאן ?—האט געטראכט דער אלמן — א ווייב ברענגט אפילו פרייד, אבער אויך אפולע לייד.

לאנג האט ער געטראכט און זיך אלץ קיין עצה ניט געקאנט געבן. לסוף האט ער אראפגעצויגן דעם שטיוול און געזאגט צו דער טאכטער ויינער.

— נעם, מיין קינד, דעם לעבעדיקן שטיוול מיט-נעם, הענג אים אויף אויף א נאגל און גיס אים אן מיט וואסער. אויב דאס וואסער וועט זיך אין אים איינ-האלטן, וועל איך האבן א סימן, אז איך קען א צווייטן מאל חתונה האבן, אויב ניט — פארבלייב איך אן אלמן.

דאס מיידל האט געטאן ווי דער טאטע האט איר געהייסן.

דאס וואסער האט פארצויגן די לאך און זיך פאר-האלטן אין שטיוול.

אז דער אלמן האט דאס דערזען, איז ער אוועק צו דער אלמנה, און ס'איז געווארן דער שידוך.

אויף מארגן אינדערפרי, ווען ביידע מיידלאך האבן זיך אויפגעכאפט פון שלאף, איז לעבן דעם מאנס טאכטער געשטאנען אנגעגרייט מילך אויף צום וואשן זיך און ווין אויף צום טרינקען.

אויפן צווייטן טאג איז לעבן ביידע מיידלאך גע-שטאנען וואסער אויף צום וואשן זיך און וואסער אויף

צום טרינקען. אויפן דריטן טאג איז שוין לעבן זיין טאכ־
טער געשטאנען נאר וואסער אויף צום וואשן זיך און
וואסער אויף צום טרינקען, און לעבן איר טאכטער—
טיך אויף צום וואשן זיך און ווײַן אויף צום טרינקען.

און אזוי איז שוין פארבליבן אויף אלעמאל.

די שטיפמוטער האט פײַנט געקראגן די שטיפ־
טאכטער ווי א שפּין און געזוכט זיך באגײן מיט איר
וואס ווייטער אלץ ערגער און ערגער.

מער פאר אלץ האט געקרענקט דער מרשעת דאס,
וואס די שטיפטאכטער איז געווען ליבלאך־שיין און
איר אייגענע טאכטער—העסלאך־מיאוס.

איינמאל ווינטער אין א גרויסן פראסט, ווען בערג
און טאלן זײַנען געווען באדעקט מיט א טיפן שניי, האט
די שטיפמוטער צוגערופן די שטיפטאכטער און צו איר
אזוי געזאגט:

— הער דו, טו אן די פאדערנע קליידער, וואס
איך האב געבראכט, גיי אוועק אין וואלד און ברענג
מיר א פולע קערבעלע פאזעמקעס... ס'האט זיך מיר
פארגעלוסט!

— רבונו של עולם!—האט אויסגעשריען דאס
מיידל—ווינטער וואקסט דאך קיין פּאזעמקעס ניט!
די ערד איז דאך איינגעפרוירן, אלץ איז דאך מיט
שניי באדעקט!... און ווי אזוי וועל איך דען גיין אין די

פּאַפּירענע קליידער?.. אין דרויסן איז דאָך אזוי קאַלט!
ס'פאַרכאַפּט דאָך דעם אָטעם!..

— דו רעדסט נאָך אַנטקעגן? האָט אַ געשריי געטאָן די שטיפמוטער — גיכער זאָל געגאַנגען ווערן! און ניט דערוועגן זאָלסטו זיך קומען אַהיים אָן פּאַזימקעס!

זי האָט געגעבן דעם מיידל אַ שטיקל האַרטן ברויט אויפן-וועג און בשעת מעשה און זיך אזוי געטראַכט: — „מער וועל איך זי שוין אין מיינע אויגן ניט אָנזען! זי וועט געוויס אויסגיין פון הונגער און קעלט!“...

דאָס מיידל האָט נעבאַך געמוזט פאָלגן אַלץ, וואָס די שטיפמוטער האָט גערעדט;

זי האָט אָנגעטאָן די פּאַפּירענע קליידער און איז אַוועק פון שטוב.

די גאַנצע געגנט אַרום און אַרום איז געווען באַדעקט מיט אַ טיפן שניי. קיין גרינער גרעזעלע האָט זיך אין ערגעץ ניט געזען. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען און איז געקומען אין וואַלד. דאָ האָט זי דערזען אַ קליין שטיבעלע. דורכן פענסטערל פון שטיבעלע האָבן אַרויסגעקוקט דריי קליינינקע מענטשעלאַך. זי איז צוגעגאַנגען צו זיי, האָט זיי געזאָגט „גוט-מאָרגן“ און אָנגעקלאַפּט אין טיר. זיי האָבן זי אַריינגעלאָזן. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקל לעבן אויוועלע.

האָט אַרויסגענומען דאָס שטיקל ברויט און גענומען שטילן דעם הונגער.

— גיב אונז אויך אַ שטיקעלע פאַרזוכן! — האָבן געבעטן די מענטשעלאַך.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט זי געזאָגט — און האָט אָפּגעבראָכן פאַר זיי אַ העלפט פון איר ברויט.

— נאָך וואָס גייסטו דאָס אין אַזאַ קעלט אין וואַלד אַריין? און אין אַזעלכע קליידער? — האָבן געפרעגט די מענטשעלאַך.

— אַך! — האָט דאָס מיידל די געענטפערט מיט אַ זיפץ, — איך האָב אַ שטיפמוטער אַ שלעכטע, האָט זיך איר פאַרגלוסט פּאַזימקעס, האָט זי מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב און אָנגעזאָגט איך זאָל אָן פּאָזימקעס אַהיים ניט קומען...

אַז דאָס מיידל האָט אָפּגעגעסן, האָבן איר די מענטשעלאַך דערלאַנגט אַ בעזים און געזאָגט: — גיי אַרויס אין דרויסן און קער אָפּ דעם שניי הינטערן שטיבעלע.

דאָס מיידל איז אַרויסגעגאַנגען און גענומען זיך צו דער אַרבעט, די גיכקייט און די איידלקייט פון דעם מיידעלע איז די מענטשעלאַך זייער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיישב צו זיין, וואָס פאַר אַ מתּנה איר צו שענקען.

— מיין מתנה איז — האָט געזאָגט איינער—וואָס פון טאָג וועט זי שענער ווערן.

— מיין מתנה איז — האָט געזאָגט דער צווי-טער — ביי יעדן וואָרט וועט ביי איר פון מויל אַ שטיק גאָלד אַרויספאַלן.

— און איך וועל מאַכן — האָט זיך אָפּגערופן דער דריטער — אַז דער קיסער וועט מיט איר חתונה האָבן.

דאָס מיידל האָט דערווייל פלייסיק געאַרבעט און — טרעפט וואָס זי האָט געפונען?

אַך אַ סך רויטינקע צימטיקע פּאָזימקעס...

זי האָט אָנגעקליבן אַ פולן קערבעלע, האָט באַדאַנקט די קאַרליקלאַך און איז מיט גרויס שימחה אַוועקגעלאָפן אַהיים צו דער שטיפמוטער.

— גוטן אָוונט, — האָט זי פריילעך אויסגע-שריען אַריינקומענדיק אין שטוב.

און ביים ערשטן וואָרט איז ביי איר פון מויל גלייך אַרויסגעפאַלן אַ שטיק גאָלד.

— זי האָט דערציילט וואָס מיט איר האָט פּאַ-סירט אין וואַלד, און ביי יעדן וואָרט זיינען אַלץ גע-פאַלן ביי איר פון מויל שטיקער גאָלד.

די אַלמנהס טאָכטער האָט זייער מקנא געווען דער שטיפשוועסטערס גליק און ס'האָט זיך איר אויך פאַרוואָלט גיין אין וואַלד אַריין נאָך פּאָזימקעס.

— ניין, מיין ליב טעכטערל, — האָט די מוטער געזאָגט צו איר — אין דרויסן איז דאָך אַזוי קאַלט, דו קאָנסט זיך נאָך חלילה פאַרקילן!..

די טאָכטער איז אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען און די מוטער האָט געמוזט נאָכגעבן.

זי האָט זי פאַרוויקלט אין אַ פוטער, און אָנגעגעבן פון בל־טוב, — פון די בעסטע קוכעלאַך און פון די מייערנסטע וועמעלאַך.

דאָס מיידל איז געקומען אין וואַלד און איז צוגעגאַנגען צום שטיבעלע. די מענטשעלאַך האָבן ווידער געקוקט דורכן פענצטערל, זי האָט זיי אָבער קיין „גוט מאָרגן" ניט געזאָגט, אויף זיי אפילו קיין קוק ניט געגעבן. ניט פרעגנדיק ביי קיינעם איז זי אַריין אין שטוב, האָט זיך געזעצט ביים אויוון און גענומען שפּאַרן אין די באַקן די קוכעלאַך מיט די וועמעלאַך.

— גיב אונז אויך עפּעס פאַרזוכן! — האָבן די מענטשעלאַך ביי איר געבעטן.

— ס'וועט פאַר מיר אַליין ניט קלעקן!.. — האָט זי גראָב געענטפערט.

די מענטשעלאַך האָבן געוואַרט ביז וואַנען זי האָט אָפּגעגעסן. נאָכער זיינען זיי צוגעגאַנגען צו איר און געבעטן אָפּקערן דעם שניי הינטערן שטיבעלע.

— איר קענט אליין! — האָט זי זיי געענטפערט, — איך בין פאַר אייך קיין דינסט ניט!..

אַ ווײַלע איז זי נאָך געזעסן און געוואַרט אויף מתנות. זי האָט זיך אָבער ניט דערוואַרט און איז אַרויס אין הויבן ווען פּאַוומקעס.

דאַן האָבן זיך די מענטשעלאַך גענומען אַן עצה האַלטן, וואָס פאַר אַ מתנה איר צו שענקען פאַר דער גראָבקייט און שלעכטע האַרץ.

— איך וועל זי געבן — האָט זיך אָפּגערופן איינער, — אַז זי זאָל אָם פון טאָג אַלץ מיאיבער ווערן.

— איך וועל מאַכן — האָט געזאָגט דער צווייטער, — אַז נאָך יעדעס וואָרט זאָל ביי איר פון מויל אַ זשאַבע אַרויסגאַלן.

— און איך וועל מאַכן, — האָט געזאָגט דער דריטער, — אַז זי זאָל שטאַרבן מיט אַן אומגליקלאַכן טויט.

דאָס מיידל האָט דערווײַלע געזוכט פּאַוומקעס. זי האָט אָבער גאָרניט ניט געפונען און איז מיט פאַרדראָס אַוועק אַהיים.

געקומען אַהיים, האָט זי גענומען דערציילן דער מאַמען אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט אין וואַלד, ווי נאָר אָבער זי האָט אַרויסגערעדט די ערשטע עטלאַכע ווערטער, אַזוי האָבן ביי איר פון מויל אָנגעהויבן צו שפּרינגען זשאַבעס... די בייזע מוטער

אירע איז געוואָרן נאָך מערער צערייצט און האָט אויסגעלאָזן דעם גאַנצן כעס צו דער שטיפטאָכטער, וועלכע איז ווי איף צו להכעיס וואָס פון טאָג געוואָרן אַלץ שענער און שענער.

די שטיפמוטער האָט אַלץ געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי פטור צו ווערן פון פרעמדן קינד.

איינמאָל האָט זי געשיקט איבערשייטעקן וואָל. געווען איז דאָס ווינטער. דער פראָסט האָט געברענט — כמעט נשמות.

לויפט זי צו די שטיפמאַמער און זאָגט צו איר אַזוי — הער די, ווי איז מיר, דאָך דורך דעם איז אין שיינק מיר איבער די וואָל. דאָס מיידל האָט געפאָלגט און איז אוועק צום טייך.

— שטייט זי אַזוי אויפן אייז און אַרבעט. אינדעם פאָרט צו צום טייך אַ פּראַכטיקע קאַרעטע. אין קאַרעטע איז געזעסן דער קיסער.

— וואָס מאַכסטו דאָ, מיין קינד? — האָט דער קיסער געפרעגט — וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין אַן אָרים קליין מיידל, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב אַ שטיפמאַמען אַ שלעכטע, האָט זי מיר געהייסן איבערשייטעקן די וואָל...

דער קיסער האָט איף איר רחמנות געהאַט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר ליכטיקן פּנים און איז פאַרליבט געוואָרן פאַר איר שיינקייט.

— ווילסט פאָרן מיט מיר? — האָט ער ביי איר געפרעגט.

— איך וואָלט ווייער וועלן! האָט זי מיט פרייד געענטפערט.

דער קייסער האָט זי אריינגענומען אין קאַרעטע און זי איז מיט אים אוועקגעפאָרן אין פּאַלאַץ אריין. מיט גרויס פּאראַד האָט מען דאָרטן באַלד געשפּילט א חתונה. דער דריטער וואונש פון די מענטשע־לאַך איז מקוים געוואָרן. אין א יאָר אַרום האָט די יונגע קייסערינע געבאָרן א זון.

אז די שטיפמוטער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם מיידלס גליק, איז זי געקומען מיט דער טאָכ־טער אין פּאַלאַץ אריין בלומרשט געוואָרע ווערן, האָט די קראַנקע קייסערינע מאַכט. אָפּגעהיט א צייט, ווען דער קייסער איז ארויסגעגאַנגען און קיינער איז דערביי נים געווען, האָבן זיי געכאַפּט די קייסערינע איינע פאָרן קאָפּ די אַנדערע פאַר די פיס, און אריינ־געוואָרפן זי דורכן פענסטער גלייך אין טייך אריין.

אַנשטאָט דער קייסערינע האָט זיך אין בעט אריינגעלייגט די טאָכטער, די מיאוסקייט.

דערווייל איז אריינגעקומען דער קייסער.

ער האָט געוואָלט דער קייסערינע עפּעס זאָגן. די אַלטע האָט אים אָבער צו איר ניט צוגעלאָזן.

— שטילער! שטילער! איצטער טאָר מען מיט

איך ניט ריידן! זי איז ווייער שוואך!..

דער קיכער האָט פון קין מעשה ניט געוואוסט. אויף מאָרגן אינדערפרי, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט דער קיכערינע, האָט ער דערזען, ווי עס פאַלן ביי איר פון מויל וואַבעס אַנשטאָט שמיקער גאָלד.

דאָס האָט אים ווייער געוואונדערט און ער האָט געפרעגט וואָס דאָס באַטייט. די אַלטע האָט אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז דאָס קומט נאָך דער קראַנקייט און אַז שפּעטער וועט דאָס איבערגיין.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז גראָד דעם קייסערס קוכער אַרויסגעגאַנגען צום טייך. ווען ער — עס שווימט אַרוים אַן ענטעלע און הייבט אָן צו פרעגן:

— קעניג, וואָס מאַכסטו?

צי שלאָפסטו, צי וואַכסטו?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. און עס האָט ווידער געפרעגט:

— וואָס מאַכן מיינע געסט?

— זיי שלאָפן פעסט!

האָט זיך דער קוכער אָפּגערופן.

— וואָס מאַכט מיין קינד? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— דאָס קינד איז אין וויגעלע אַ צינד! — האָט דער קוכער געענטפערט.

דאַן האָט זי מיטאַמאָל באַקומען דער קיסערינעס געשטאַלט און איז אַריינגעגאַנגען צום קינד. זי האָט אויסגעשטרייכלט זיין וויגעלע, האָט אים איינגעדעקט און איז ווידער אין וואַסער אַריין. אזוי איז זי געקומען צוויי נעכט כסדר.

איף דער דריטער נאַכט רופט זי זיך אָפּ צום קוכער אזוי: — גיי זאָג דעם קיסער ער זאָל נעמען זיין שווערד און זאָל דריי מאָל אַ מאַך טאָן איבער מיר איף דער שוועל.

דער קוכער איז אויסגעלאָפן און האָט אלץ איבערגעגעבן דעם קיסער. דער קיסער האָט געטאָן וואָס דאָס געשטאַלט האָט אים געהייסן און די קיסערינע איז ווידער לעבעדיק געוואָרן. דעם קיסערס שימחה איז געווען זייער גרויס.

ער האָט אָבער קיינעם קיין מעשה ניט דערציילט. ער האָט באַהאַלטן די קיסערינע אין אַ קאַמער און באַלד געשיקט רופן די אַלטע מיט איר טאָכטער.

וואָס טוט מען מיט אַזאַ מענטשן — האָט ער געפרעגט ביי דער אַלטער — וואָס האָט אַ צווייטן אַרויסגענומען פון בעט און אַריינגעוואָרפן אין וואַסער?

— אַזאַ גזלן דאַרף מען אַריינזעצן אין אַ פאַס,

וואס איז איסגעשלאגן מיט נעגל, און ארויפקייקלען פון א בארג אין וואסער ארײן--האט די אלטע געענטפערט.

— אויב אזוי, האסטו אליין פאר זיך ארויס, געזאגט אפשר; — האט דער קיסער געזאגט.

ער האט געהייסן ברענגען א פאס, אריינזעצן אהין די אלטע מיט דער טאכטער און ארויפקייקלען זי פון בארג אין וואסער ארײן.



דער פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול" האט שוין
ארויסגעגעבן פאלגענדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך (פארן 1-טן לערניאר) באארבעט לויט שעקלין און אנדערע
(2 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי.

2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באארבעט לויט שעקלין און אנדערע פון ש. באסטאמסקי.

3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
(3 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי.

4. אריטמעטישער רעכנבוך (גאנצע צאלן).
(4 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי.

5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאלן)
(4 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי און ל. הורוויץ.
מיט א ביילאגע פון דער טערמינאלאגיע פון אריטמעטיק אויסגעארבעט פון א קאמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער-געזעלשאפט.

6. ש. באסטאמסקי און מ. חיימסאן — „לעבעדיקע קלאנגען"
א רייך-אילוסטרירטער א"ב

7. „לעבעדיקע קלאנגען".
כרעסטאמאטיע פארן ערשטן לערניאר
די „לעבעדיקע קלאנגען" זיינען באשטעטיקט פון א קאמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

איינציקן ערשיינט — „לעבעדיקע קלאנגען" —
כרעסטאמאטיע פארן 2-טן לערניאר.
פון ש. באסטאמסקי און מ. חיימסאן.

„דער נייער לערער" — זאמלונג פון שריפטלעכע איבונגען
ווי אזוי אויסצולייגן די געדאנקען.

אריטמעטישער רעכנבוך — לעצטער טייל (פראצענטן, דיסקאנט, דרייבללי א. א.)

מעטאדישע אנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאנגען" מיט
א פראזע-פראגראם פון יידיש פאר דעם 1-טן לערניאר.

ב) ביכער פאר קינדער:
פון ש. באסטאמסקי

פאר יונגערע:

1) [illegible] נאה, 2) [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
3) [illegible] 4) [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]
11) [illegible] [illegible]
2) [illegible] 16) [illegible] 17) [illegible]
18) דער [illegible] 19) [illegible] 20) דער
[illegible] ([illegible]) א. א.

פאר עלטערע:

1) [illegible]
[illegible]
3) [illegible]
[illegible]
5) [illegible]
7) [illegible]

קינדער־פיעסעס:

1) [illegible] קינדער־פיעסע אין 2 אקטן
מיט געזאנג און טענץ.

ג) מאטעריאל צום יידישן [illegible]:

1. יידישע פאלקסרעטענישן, (2 אויסגאבע)
געזאמלט און רעדאקטירט פון ש. באסטאמסקי.

2. [illegible] פון יידישע [illegible] פאר [illegible] און [illegible]

3) „בײַם קוואַל" [illegible] פון ש. באסטאמסקי.
יידישע שפריכווערטער, [illegible]
רעדנסארטן, [illegible], [illegible], ברכות, [illegible]
קללות, [illegible], [illegible], [illegible], און [illegible].
געזאמלט און רעדאקטירט פון ש. באסטאמסקי.

4) „בײַם קוואַל" II באנד: יידישע פאלקסלידער
געזאמלט פון ש. באסטאמסקי.

[illegible]